יצחק באַשעוויס-זינגער

# תּאוות

## (דערציילונג)

## א

ווען אַ מענטש שפּאַרט זיך איַין, קאָן ער אָפּטאָן זאַכן וואָס מ׳מיינט אַז מ׳קען זיי קיין מאָל נישט אויספֿירן – האָט זלמן גלעזער געזאָגט. – ביַי אונדז אין ראַדאָשיץ איז געווען אַ פּראָסטער ייִד, אַ דאָרפֿסגייער, לייב בעלקעס. ער פֿלעגט אַרומגיין איבער די דערפֿער און אײַנקויפֿן ביַי די פּויערים אַ מעסטל קאַשע, אַ קראַנץ קנאָבל, אַ טאָפּ האָניק, אַ קנויל פֿלאַקס. ער האָט פֿאַרקויפֿט די פּויערטעס קאָפּטיכלעך, גלעזערנע פּערל, וואַסערלעך זיך צו באַשמעקן, אַלערליי אָפּגעגילדטע שמאָכטעס. ווייַטער ווי פֿינף ווייאָרסט פֿון שטעטל איז ער קיין מאָל נישט אַוועק. די סחורה האָט ער באַצויגן דורך אַ שפּיליטער פֿון לובלין און דער אייגענער האָט אויפֿגעקויפֿט ביַי אים וואָס ער האָט געהאַט צו פֿאַרקויפֿן. דער לייב בעלקעס איז געווען אַ פּראָסטער ייִד, אָבער אַ פֿרומער. שבת האָט ער געלייענט דאָס טייַטש-חומש ווי אַ ייִדענע. אַז אַ פּאַקנטרעגער איז געקומען קיין ראַדאָשיץ, האָט ער גענומען ביַי אים אויסצולייענען אַלע ספֿרימלעך אויף עבֿרי-טייַטש. צום מערסטן האָט ער ליב געהאַט צו לייענען וועגן ארץ-ישׂראל. ער פֿלעגט טייל מאָל רעדן מיט אונדז חדר-ייִנגלעך און פֿרעגן: וואָס איז טיפֿער, דער ירדן אָדער דער ים-סוף? וואַקסן אין ארץ-ישׂראל עפּל? וואָס פֿאַר אַ לשון רעדן די דאָרטיקע גויים? מיר האָבן אויס אים געלאַכט. אויסגעזען האָט ער עפּעס טאַקע ווי אַן ארץ-ישׂראלדיקער: שוואַרצע אויגן, אַ פּעך-שוואַרצע באָרד און ס׳פּנים אויך עפּעס שוואַרצלעך. איין מאָל אין יאָר פֿלעגט קומען קיין ראַדאָשיץ אַ שד״ר, איינער פֿון די ספֿרדישע ייִדן, אַ געבוירענער אין תּימן אָדער אין שושן-הבירה. געשיקט האָט מען אים פֿון ארץ-ישׂראל. און דער דאָזיקער שד״ר האָט אויסגעזען ווי לייב בעלקעסעס אַ ברודער: אַזאַ באָרד, אַזוינע אויגן און אַזאַ שוואַרצקייט אין פּנים. אָנגעטאָן איז געווען דער שד״ר אין אַ

זשופּיצע מיט שוואַרצע און רויטע פּאַסן און אין סאַנדאַלן וואָס האָבן אויסגעזען ווי חליצה-שיך. אַ היטל האָט ער געהאַט ווי אַ טערק. ער האָט גערעדט לשון-קודש אָדער תּרגום-לשון. ייִדיש האָט ער אויסגעלערנט, האָט ער געזאָגט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און געעפֿנט די פּושקעלעך ווו מ'האָט אַרײַנגעלייגט די נדבֿות פֿאַר ר' מאיר בעל-הנס. דער לייב בעלקעס איז געוואָרן אַזוי פֿאַרקאָכט אין אים, אַז ער האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב און יענער האָט בײַ אים געוווינט און געגעסן. ווי לאַנג דער שד"ר האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין ראַדאָשיץ האָט לייב בעלקעס נישט געטאָן קיין שום מיסחר. ער האָט געהאַלטן יענעם אין איין אויספֿרעגן: ווי זעט אויס די מערת-המכפּלה? ווייס מען ווו ס'ליגט אַבֿרהם און ווו שׂרה? איז דאָס אמת אַז די מאַמע רחל קומט אַרויס אין מיטן דער נאַכט פֿון קבֿר און וויינט אויף אירע קינדער? איך בין נאָך דאַמאָלסט געווען אַ ייִנגל און איך בין אַליין אויך נאָכגעלאָפֿן דעם שד"ר. ווען האָט מען געזען אין ראַדאָשיץ איינעם פֿון יענע מקומות?

איין מאָל, נאָך דעם ווי דער שד"ר איז אַוועקגעפֿאָרן, איז לייב אַרײַן אין אַ געוועלב און זיך געהייסן געבן פּופּציק פּעקלעך שוועבעלעך. דער סוחר פֿרעגט אים: וואָס טויגן דיר אַזוי פֿיל שוועבעלעך? ווילסט אונטערצינדן ראַדאָשיץ? און ער זאָגט: כ'וויל בויען ס'בית-המיקדש. דער קרעמער האָט געמיינט אַז ער איז פֿון זינען אַראָפּ, אָבער ער האָט אים פֿון דעסט וועגן פֿאַרקויפֿט אַלע שוועבעלעך אין קראָם.

שפּעטער איז לייב אַרײַן אין אַ געוועלב פֿון פֿאַרב און ער האָט זיך געהייסן געבן זילבערנע פֿאַרב און גאָלדענע פֿאַרב. דער קרעמער פֿרעגט אים: וואָס טויג דיר אַזאַ פֿאַרב? ווילסט מאַכן פֿאַלש געלט? און לייב זאָגט: כ'גיי בויען דאָס בית-המיקדש. דער שד"ר האָט לייבן געהאַט פֿאַרקויפֿט אַזאַ מאַפּע, אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און ס'איז דאָרט געווען אויסגעמאָלט דאָס בית-המיקדש, מיטן מיזבח, מיט דער עֲזָרָה מיט הכּל-בכּל-מכּל. בײַ נאַכט, ווען לייב בעלקעס האָט געהאַט צײַט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט די שוועבעלעך און גענומען בויען דאָס בית-המיקדש. קיין קינדער אין שטוב זענען נישט געווען. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער און זיי האָבן געדינט אין לובלין. דאָס ווײַב פֿרעגט אים: וואָס

שפּילסטו דיך עפּעס מיט שוועבעלעך? ביסט אַ חדר־ייִנגל? און ער זאָגט: כ'בוי דאָס בית־המיקדש.

ער האָט אַלץ אויפֿגעבויט גענוי לויט דער מאַפּע: דאָס קדשי־קדשים, דעם שולחן, די מנורה, דעם אָרון. אַז מ'האָט זיך דערוווּסט אין שטאָט וואָס ער טוט, האָבן אָנגעהויבן מענטשן קומען און קוקן אויף חידושים. די מלמדים האָבן געברענגט די חדר־ייִנגלעך. דאָס גאַנצע געבײַ איז געשטאַנען אויף אַ הינקענדיק טישל און מ'האָט עס נישט געטאָרט רירן, ווײַל ס'וואָלט זיך געפֿאַלן. ווען דער רבֿ האָט געהערט פֿון דער זאַך, איז ער געקומען צו לייב בעלקעס אַהיים און מיטגענומען ישיבֿה־בחורים. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָנחידושן. לייב בעלקעס האָט געהאַט אויפֿגעבויט אַ בית־המיקדש פֿון שוועבעלעך גענוי ווי ס'ווערט באַשריבן אין די הייליקע ספֿרים.

נו, אָבער מענטשן זענען נישט־פֿאַרגינערס. דאָס ווײַב האָט נײַערט געמרוקעט אַז זי דאַרף דעם טיש פֿאַרן געפּעס. ס'זענען געווען אין ראַדאָשיץ ייִדישע פֿײַער־לעשערס און זיי זײַנען געקומען זיך קלאָגן אַז פֿון אַזוי פֿיל שוועבעלעך קאָן נאָך ווערן אַ שׂרפֿה און דאָס גאַנצע שטעטל קאָן אַוועק מיטן רויך. מ'האָט אַזוי לאַנג געהעצט און געסטראַשעט, ביז אין איינעם אַ טאָג, ווען לייב איז צוריקגעקומען פֿון דאָרף, איז געווען אויס בית־המיקדש. דאָס ווײַב האָט געזאָגט אַז די פֿײַער־לעשערס האָבן אַלץ אײַנגעלייגט. די פֿײַער־לעשערס האָבן געוואָרפֿן די שולד אויפֿן ווײַב.

נאָך דעם ווי מ'האָט חרובֿ געמאַכט זײַן בית־המיקדש, איז לייב בעלקעס אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה. ער האָט אויפֿגעהערט רעדן צום ווײַב. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען איבער די דערפֿער, אָבער ער האָט אַלץ ווייניקער פֿאַרדינט. ער איז אָפֿט געזעסן אין דער היים און געלייענט די ספֿרימלעך און מעשׂה־ביכלעך ווו ס'ווערט באַשריבן ארץ־ישׂראל און ס'בית־המיקדש. ער האָט אָפּגעשטעלט ייִדן לומדים, אָדער ישיבֿה־בחורים און זיי געפֿרעגט קשיאות: אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע ייִדן פֿליען קיין ארץ־ישׂראל אויף איין וואָלקן, אָדער אין יעדער שטאָט וועט קומען אַן אַנדער וואָלקן? וועט תּחית־המתים זײַן באַלד, אָדער פֿערציק יאָר שפּעטער? וועלן זײַן פֿעלדער און גערטנער און מ'וועט אַקערן און זייען, אָדער מַן וועט פֿאַלן פֿון הימל? דער עולם האָט געהאַט פֿון וואָס צו לאַכן.

איין מאָל, בײַ נאַכט, האָט אים ס'ווײַב געהייסן גיין פֿאַרמאַכן דעם לאָדן. לייב בעלקעס איז אַרויס אין דרויסן און איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער. אין שטעטל איז געוואָרן אַ האַרמידערע טייל האָבן געזאָגט אַז די נישט-גוטע האָבן אים פֿאַרכאַפּט, אַנדערע האָבן אַרויסגעדרונגען אַז דאָס ווײַב האָט אים געיאַדעט און ער איז אַנטלאָפֿן אויף יענער זײַט ווײַסל, פֿון דאָרט האָט ער געשטאַמט, אָבער ווער אַנטלויפֿט עס אין בלויזן שפּענצטער, אָן טלית-און-תּפֿילין, שפּעט אין אָוונט? ווען דאָס טרעפֿט מיט אַ נגיד, וואָלט מען געשיקט שליחים אים זוכן. אָבער אַז אַן אָרימאַן ווערט נעלם, איז דאָ מיט איין קבצן ווייניקער. דאָס ווײַב – שפּרינצע האָט זי געהייסן – איז געוואָרן אַן עגונה. אַ ביסל האָט זי צופֿאַרדינט פֿון גיין דאָנערשטיק קנעטן די טייגן אין די מולטערס. אַ ביסל האָבן די טעכטער צוגעשיקט פֿון לובלין.

פֿינף יאָר זענען אַריבער. איין מאָל אין אַ פֿרײַטיק, ווען שפּרינצע איז געשטאַנען בײַם אויוון און געקאָכט אויף שבת, האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַרײַנגעקומען אַ ייִד מיט אַ גרויער באָרד, פֿאַרשטויבט און באָרוועס. שפּרינצע האָט געמיינט אַז ס'איז אַ בעטלער. מיט אַ מאָל טוט ער אַ זאָג

– שפּרינצע, כ'קום פֿון ארץ-ישׂראל. גיב מיר אַ ביסל פֿלוימען-צימעס.

די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדער. אַלע זענען געקומען צו לויפֿן. מ'האָט אַוועקגעפֿירט לייב בעלקעסן צום רבֿ און דער רבֿ האָט אים גענומען אויספֿאָרשן. ער איז געהאַט אַוועק קיין ארץ-ישׂראל צו פֿוס.

– צו פֿוס קיין ארץ-ישׂראל? – האָט לוי-יצחק געפֿרעגט.

– יאָ, צו פֿוס.

– סטײַטש, אַלע ווייסן אַז קיין ארץ-ישׂראל מוז מען פֿאָרן מיט אַ שיף.

מאיר טומטום האָט זיך אָנגענומען בײַם קין, דאָרט ווו ס׳וואָלט געוואַקסן אַ באָרד ווען ער איז נישט קיין טומטום.

– אפֿשר האָט ער אָפּגענאַרט? – האָט ער געפֿרעגט.

– ר׳האָט געהאַט מיט זיך בריוו פֿון רבנים. ער האָט געברענגט מיט זיך אַ זעקל ארץ-ישׂראל-ערד, וואָס אַז עמעץ שטאַרבט, לייגט מען דאָס אונטער דעם טויטן צוקאָפּנס. כ׳האָב דאָס אַליין געזען. ס׳איז געווען עפּעס ווי צעקרישלט קרײַד. ער האָט געזאָגט אַז ער׳ט עס אַליין אויסגעגראָבן פֿון הר-הזיתים.

– ווי לאַנג האָט אים געדויערט די נסיעה? – האָט לוי-יצחק געפֿרעגט.

– צוויי יאָר. צוריק איז ער שוין געפֿאָרן מיט אַ שיף. דער רבֿ זאָגט צו אים: היתּכן, ווי טוט עפּעס אַ ייִד אָפּ אַזאַ זאַך? און ער ענטפֿערט: רבי, כ׳האָב אַזוי געבענקט קיין ארץ-ישׂראל, אַז כ׳האָב מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אַז כ׳בין אַרויס פֿאַרמאַכן דעם לאָדן און דערזען די לבֿנה לויפֿן צווישן די וואָלקנס, האָב איך גענומען לויפֿן צוזאַמען מיט דער לבֿנה. כ׳בין אַזוי אָפּגעלאָפֿן ביז וואַרשע. שפּעטער האָבן מיר גוטע מענטשן געוויזן דעם וועג. ווו כ׳האָב געטאָגט האָב איך נישט גענעכטיקט. כ׳האָב געוואַנדערט איבער פֿעלדער און וועלדער, איבער אַלע וויסטע מדבריות, ביז כ׳בין אָנגעקומען קיין ארץ-ישׂראל.

– ס׳אַ וווּנדער די חיות האָבן אים נישט אויפֿגעגעסן – האָט לוי-יצחק האַלב-געפֿרעגט, האַלב-געזאָגט.

– ס׳שטייט: שומר פתאים ה׳ – האָט מאיר טומטום זיך אָנגערופֿן.

## ב

אַ ווײַלע האָבן אַלע דרײַ געשוויגן. לוי-יצחק האָט אַראָפּגענומען די בלויע ברילן פֿון דער נאָז און גענומען ווישן די שײַבלעך מיט דער קעשענע-פֿאַטשיילע. איין אויג האָט געהאַט אַ בעלמע און

האָט דערויף אין גאַנצן נישט געזען. לוי-יצחק האָט געהאַט אַ שטעקן וואָס זאָל האָבן געשטאַמט פֿון קאָזשעניצער מגיד. ער האָט זיך מיט אים קיין מאָל נישט געשיידט, אַפֿילו נישט שבת. ער האָט געהונקען אויף אַ פֿוס און אַ קוליע איז נישט מוקצה. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער איצט אָנגעלענט דעם קין אויפֿן שטעקן. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעריכט און געזאָגט:

– עקשנות איז אַ כּוח. אין קראַסניסטאָוו איז געווען אַ שנײַדער, יהונתן שנײַדער. גענייט האָט ער פֿאַר ווײַבער, נישט פֿאַר מאַנסלײַט. געוויינטלעך אַ ווײַבערישער שנײַדער איז אַ שטיקל קל. אַז מ׳מאַכט אַ נקבֿה אַ מלבוש מוז מען איר נעמען אַ מאָס און אַ מאָל קאָן זי זײַן אין די אומריינע טעג. אַפֿילו ווען זי איז אין די ריינע טעג, איז אויך נישט גלײַך אָנצורירן אַ נקבֿה, בפֿרט אַן אשת-איש. נו, אָבער ס׳מוזן זײַן שנײַדערס. אַליין קאָן קיין קלייד זיך נישט אויפֿנייען. גראָד דער יהונתן איז געווען אַ פֿרומער ייִד, אָבער אַ שטיקל עם-הארץ. ער האָט ליב געהאַט ייִדישקייט. שבת פֿלעגט ער לייענען דאָס טײַטש-חומש צוזאַמען מיט זײַן ווײַב ביילע-יענטע. אַז ס׳פֿלעגט קומען אַ פּאַקנטרעגער קיין קראַסניסטאָוו, האָט יהונתן בײַ אים געקויפֿט די ספֿרימלעך און די מעשׂה-ביכלעך אויף עבֿרי-טײַטש. ס׳איז געווען אין קראַסניסטאָוו אַ חבֿרה-משניות און יהונתן האָט געהערט צו דער חבֿרה. ער האָט זיך צוגעהערט צום שיעור, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצורופֿן, ווײַל וויפֿל מאָל ער האָט אַרויסגערעדט אַ לשון-קודש-וואָרט, האָט ער געמאַכט אַ גרײַז און די לומדים האָבן אויס אים געחוזקט. ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן: אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ געשטופּלטער. פֿון די אויגן האָט אַרויסגעשײַנט אַן איידלקייט. געזאָגט האָט מען אַז קיין בעסערן שנײַדער האָט מען נישט געקראָגן אַפֿילו אין לובלין. אַז ער האָט געמאַכט אַ יופּיצע אָדער אַ שובע, איז זי געלעגן ווי אויסגעגאָסן. ער האָט געהאַט דרײַ טעכטער, מיידן. ייִנגלווײַז פֿלעג איך אָפֿט אַרײַנקומען צו אים, ווײַל כ׳האָב געהאַט אַ חבֿר, געצל, אַ יתום, און ער איז געוואָרן בײַ דעם יהונתן אַ לערנייִנגל. אַנדערע מײַסטערס האָבן געפּײַניקט די לערנייִנגלעך, זיי געשלאָגן, נישט געגעבן גענוג צו עסן. אַנשטאָט זיי צו לערנען די מלאכה, האָט מען זיי געהייסן צוויגן ס׳קינד, אַרויסטראָגן ס׳פּאָמעשאַף, און דאָס אַלץ זיי זאָלן זיך נישט אויסלערנען די מלאכה און מ׳זאָל זיי נישט דאַרפֿן צאָלן קיין שׂכירות. אָבער יהונתן האָט דעם יתום געלערנט די מלאכה און ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסשלייפֿן אַ לעכל און

אָנגייען אַ קנעפּל, האָט ער אים אָנגעהויבן צאָלן צוויי רובל אַ זמן. מײַן חבֿר געצל האָט פֿריער געלערנט אין בית-מדרש און יהונתן פֿלעגט אים כּסדר פֿרעגן אַלערליי קלאָץ-קשיאות: ווי האָט געהייסן די מאַמע פֿון עוג מלך הבשן? וויפֿל פֿליגן האָט נח אַרײַנגענומען אין דער תּיבֿה? וויפֿל מײַלן איז פֿון גן-עדן צום גיהנום? ער האָט באַגערט אַלץ צו וויסן.

איצט הערט אַ מעשׂה. אַלע ווייסן אַז שׂמחת-תּורה רופֿט מען אויף צו די הקפֿות פֿריער די יוסטע בעלי-בתּים, די לומדים, די נגידים, און שפּעטער די בעל-מלאָכות, די פּראָסטע לײַט, די קבצנים. אַזוי פֿירט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. נו, איז בײַ אונדז אין קראַסניסטאָוו געוואָרן גבאי איינער, נישט קיין היגער, אַן איידעם פֿון דער פֿרעמד. ער האָט קיינעם נישט געקאָנט און עמעץ האָט אים אויפֿגעשריבן די נעמען און דעם סדר ווען מען אויפֿצורופֿן צו וואָסער הקפֿה. ס'איז געווען אין קראַסניסטאָוו אַן אַנדער יהונתן, ר' יהונתן גאָרשקאָווער, אַ למדן און אַ נגיד, און דער גבאי האָט פֿאַרמישט די יוצרות און אויפֿגערופֿן יהונתן שנײַדער צו דער ערשטער הקפֿה. אין בית-מדרש איז געוואָרן אַ שושקערײַ און אַ כיכעניש. אַז יהונתן שנײַדער האָט דערהערט אַז מ'רופֿט אים אויף צו דער ערשטער הקפֿה, צוזאַמען מיטן רבֿ און די פּרנסים, האָט ער נישט געגלייבט די אייגענע אויערן: ער האָט נעבעך פֿאַרשטאַנען אַז ס'איז אַ טעות. אָבער אַז מ'רופֿט, מוז מען גיין. צווישן די בעל-מלאכות און געזעלן וואָס דאַווענען בײַ דער מערבֿ-וואַנט איז געוואָרן אַ געלעכטער. מ'האָט אָנגעהויבן שטופּן און שטויסן דעם יהונתן ער זאָל וואָס גיכער גיין. ס'איז געווען פֿאַר דער צײַט פֿון מאָנאָפּאָל אויף בראָנפֿן, און אָקעוויט איז געווען וועלוועלער ווי באָרשט. אין יעדער לײַטישער שטוב איז געשטאַנען אַ פֿעסעלע בראָנפֿן מיט אַ שטרוי צום טרינקען און ס'האָט געהאַנגען אַ זײַטל געטריקנט שעפּסנס צום פֿאַרבײַסן. שׂמחת-תּורה האָט מען געכאַפּט אַ שלוק פֿאַרן דאַווענען און דער עולם איז שוין געווען בײַ צײַטנס פֿאַרשנאָשקעט. יהונתן שנײַדער איז צוגעקומען צו דער בימה און דער גבאי האָט אים דערלאַנגט די רייניקייט. אַלע האָבן געשטוינט, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט. בלויז איינער, אַ ר' זעקעלע ווישניצער, אַ וואָכערער, האָט אַ זאָג געטאָן:

– ווער רופֿט עס אויף אַן עם-הארץ צו דער ערשטער הקפֿה?

און ער האָט צוריקגעגעבן זײַן ספֿר דעם גבאי. ס'האָט אים נישט געפּאַסט צו קריגן אַן הקפֿה מיט יהונתן שנײַדער.

אין בית-מדרש איז געוואָרן אַ טומל. צוריקגעבן אַ ספֿר איז אַ חילול-השם. דער גבאי, דער פֿרעמדער, האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן. מבֿײַש זײַן אַ ייִד ברבים איז אויך נישט עפּעס קיין קלייניקייט. דער רבֿ האָט אין דער גיך אויפֿגערופֿן דעם אַנדערן יהונתן, אָבער קיינער האָט שוין נישט געקאָנט זינגען בײַ דער הקפֿה און טאַנצן אַוודאי נישט. די אייגענע פּראָסטע לײַט וואָס האָבן פֿריער געלאַכט אויס יהונתן שנײַדער און דעם כּבֿוד וואָס מ'האָט אים אָנגעטאָן, האָבן איצט געקריצט מיט די ציין און געשאָלטן ר' זעקעלען. אַז די הקפֿה איז געהאַט אַריבער, איז יהונתן שנײַדער צוגעגאַנגען צו ר' זעקעלע ווישניצער און געזאָגט הויך אויפֿן קול, אַז מ'האָט געהערט איבערן גאַנצן בית-מדרש:

– כ'בין טאַקע אַן עם-הארץ, אָבער איך טו אַ שבֿועה אַז איבער אַ יאָר אין דער צײַט וועל איך זײַן מער למדן פֿון אײַך.

ר' זעקעלע ווישניצער האָט געטאָן אַ שמייכל און געענטפֿערט:

– אויב אַזאַ נס וועט געשען, וועל איך דיר אומזיסט אויפֿבויען אַ הויז אין מאַרק.

ר' זעקעלע ווישניצער האָט געהאַנדלט מיט געהילץ. ער האָט געהאַט היפּאָטעקן אויף אַ האַלבער שטאָט הײַזער. יהונתן איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ מבֿולבלער. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

– אויב נישט, וועל איך אויפֿנייען אײַער ווײַב בחינם אַ פֿוקסענעם פֿוטער ביז די קנעכל, מיט אַ סאַמעטענעם איבערצוג און מיט צען ווײדלען.

וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם שׂמחת-תּורה אין בית-מדרש און אין גאַנץ קראַסניסטאָוו! מ'האָט דערהערט אין ווײַבערשול פֿון געוועט און ס'איז דאָרט געוואָרן אַ געפּילדער. טייל ווײַבער האָבן געלאַכט, אַנדערע זענען זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין. נאָך אַנדערע האָבן זיך געקריגט און געפּרוּווט אַראָפּרײַסן איינע בײַ דער אַנדערער די קאָפּקע. קראַסניסטאָוו איז אַ שטאָט ווי אַלע שטעט: אַ סך קבצנים און ווייניק גבֿירים, אָבער אויף יום-טובֿ האָט מען

יענע יאָרן נישט געשפּאָרט. יעדער דריטער בעל-הבית האָט גערופֿן אויף קידוש בײַ זיך אין הויז, פֿאַרבעטן מחותּנים, גוטע פֿרײַנד. מ'האָט געטאַנצט אין מאַרק. די ווײַבער האָבן אָנגעקאָכט טעפּ קרויט מיט רײַבלעקעך, ראָזשינקעס און קרימעטאַרטע. מ'האָט אָנגעבאַקן שטרודלען, טאָרטן, פֿלאָדנס. די חבֿרה-קדישה האָט יעדן שׂמחת-תּורה געמאַכט אַ סעודה און ווײַן און מעד האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. מ'האָט אַרויפֿגעזעצט דעם גבאי אויפֿן קאָפּ אַ באַניע מיט ליכט און מ'האָט אים געטראָגן אויף די פּלייצעס. מחנות קינדער זענען נאָכגעלאָפֿן, די צאָן-קדשים, און געמעקעט ווי די שעפּסן. ס'איז געווען אין קראַסניסטאָוו אַ קהלישער באָק און קונדסים האָבן אים אָנגעטאָן אויף די הערנער אַ שטרײַמל און אים געפֿירט אין באָד אַרײַן. גערעדט האָבן אַלע וועגן איין זאַך: יהונתן שנײַדערס שבֿועה און ר' זעקעלעס צוזאָג. מילא, ר' זעקעלע האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו בויען אַ הויז אָן געלט. אָבער ווי אַזוי ווערט עפּעס אַ פּראָסטאַק אין איין יאָר אַ למדן? דער רבֿ האָט גלײַך געפּסקנט אַז אַזאַ שבֿועה איז קיין שבֿועה נישט. פֿאַרצײַטנס, האָט דער רבֿ געזאָגט, וואָלט מען דעם יהונתן גלײַך געשלאָגן מלקות פֿאַר עובֿר-זײַן אויפֿן לא-תישׂא. ס'זענען געוואָרן צוויי צדדים אין שטאָט: די לומדים האָבן געהאַלטן אַז מ'דאַרף דעם יהונתן קנסנען ער זאָל קומען אין די זאָקן אין שול אַרײַן תּשובֿה טאָן אויף דער פֿאַלשער שבֿועה, אויב נישט, זאָל מען אים לייגן אין חרם אַרײַן אָדער אַסרן זײַן אַרבעט. דער המון האָט געטענהט אַז זיי וועלן דעם ר' זעקעלען אונטערצינדן ס'הויז, אויסדרייען אַ פּוס און אים אַרויסטרײַבן פֿון שטאָט מיט שטעקנס. דאַנקען גאָט, ס'זענען נישטאָ קיין ייִדישע גזלנים. מוצאי-שׂמחת-תּורה, אַז דער עולם האָט זיך אויסגעניכטערט, מ'האָט צענומען די סוכּות מיטן סכך און ס'האָט פֿאַר אַ צוגאָב אָנגעהויבן רעגענען, האָט יעדער זיך אומגעקערט צו זײַן פּעקל צרות.

– מ'האָט פֿאַרגעסן די גאַנצע זאַך, האַ? – האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

– מ'האָט גאָרנישט פֿאַרגעסן. האַרט-צו!..

ר' לוי-יצחק האָט אַרויסגענומען די טאַבאַק-פּושקע, געעפֿנט דאָס דעקל, געטאָן אַ שמעק און גלײַך דרײַ מאָל געניאָסן. דער טאַבאַק זײַנער האָט געהאַט אַ שם. ער האָט אין אים אַרײַנגעטאָן

האַרבשטאַרק וואָס מ'שמעקט יום-כּיפּור צו דערכאַפּן דאָס האַרץ פֿון תּענית. ער האָט אָפּגעווישט די נאָז מיט דער פֿאַטשיילע און געזאָגט:

– ווען דער געצל וואָלט נישט געווען מײַן חבֿר, וואָלט איך נישט געוווּסט אַלע פּרטים. אָבער געצל האָט געוווינט בײַ יהונתן אין אַלקאָוו און ער האָט מיר אַלץ דערציילט. נאָך מעריבֿ איז יהונתן געקומען אַהיים און ווי נאָר ער האָט געעפֿנט די טיר, האָט ער אַ געשריי געטאָן: ביילע-יענטע, דײַן מאַן איז געשטאָרבן. פֿון הײַנט אָן ביסטו אַן אַלמנה. טעכטער מײַנע, עץ זענט אַלע יתומות! אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה ווי אין תּשעה-באָבֿ: מאַן מײַנער, טאַטע, ווו לאָזסטו אונדז איבער? יהונתן האָט געענטפֿערט: פֿון הײַנט ביז איבער אַ יאָר שׂמחת-תּורה האָט עץ מיר קיינעם נישט. ער האָט געהאַט ליגן צווישן פּסחדיקן געפֿעס הונדערט גילדוינים וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פֿאַר דער עלטסטער טאָכטער אויף נדן. ער האָט גענומען די הונדערט גילדוינים און איז אַוועק פֿון שטוב. אין קראַסניסטאָוו איז געווען אַ ייִד, האָט ער געהייסן ר' טבֿלע קראַצמיך. קראַצמיך איז געווען זײַן צונאָמען. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ גמרא-מלמד. ער האָט, ווי געווייִנטלעך אַ מלמד, געהאַט ליגן אויפֿן טיש אַ האָזן-פֿיסל מיט אַ רימען, אָבער געניצט האָט ער עס נישט צום שמײַסן, נאָר זיך צום קראַצן. ער האָט געליטן פֿון אַ בײַסעניש אין רוקן. אַז ס'האָט אים גענומען שטאַרק בײַסן, האָט ער דערלאַנגט דאָס פֿיסל איינעם פֿון די תּלמידים און באַפֿוילן: קראַץ מיך! דערפֿון האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען. אויף דער עלטער האָט ער פֿאַרלוירן דאָס מלמדות און זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ אַ טאָכטער. דער איידעם איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און קיין האָניק האָט טבֿלע דאָרט נישט געלעקט. יהונתן שנײַדער איז אַוועק צו דעם טבֿלען און געפֿרעגט: ר' טבֿלע, איר ווילט פֿאַרדינען געלט? ווער וויל דאָס נישט פֿאַרדינען קיין געלט? ענטפֿערט טבֿלע, און יהונתן זאָגט: איכ'ל אײַך צאָלן אַ גילדן אַ וואָך און לערנט מיט מיר אויס די גאַנצע תּורה. טבֿלע האָט זיך צעלאַכט. די גאַנצע תּורה האָט אַפֿילו משה רבנו נישט אויסגעלערנט. די תּורה איז ווי שנײַדערײַ, אָן אַ גרונט. זײ' האָבן אַזוי לאַנג גערעדט און זיך געדונגען ביז ס'איז געבליבן אַז ר' טבֿלע זאָל לערנען מיט יהונתן שנײַדער אַ גאַנץ יאָר און אים מאַכן פֿאַר מער למדן ווי ר' זעקעלע. טבֿלע האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז מ'וויל אויסלערנען אין אַ יאָר גאַנץ ש"ס, דאַרף מען לערנען יעדן טאָג זיבן דפֿן. ר' זעקעלע האָט

אַוודאי קיין האַלב ש״ס אויך נישט אויסגעלערנט. נו, אָבער מ׳דאַרף קאָנען תּנ״ך אויך, און מדרש אויך, און אַרײַנקוקן אין די מפֿרשים אויך. וואָס זאָל איך אײַך לאַנג ברײַען? יהונתן שנײַדער איז געוואָרן אַ ישיבֿה-בחור. ער איז געזעסן מיט טבֿלען טאָג און נאַכט אין בית-מדרש און געלערנט. אין מיטן דער וואָך, ווען די ווײַבערשול איז ליידיק, האָט דאָס פּאָרל אַרויפֿגענומען די ספֿרים און מ׳האָט דאָרט געלערנט. אַז כ׳זאָג אײַך אַז יהונתן האָט געלערנט אַכצן שעה אין מעת-לעת, איז דאָס אָסור נישט קיין גוזמא. אַ גאַנצע וואָך איז ער געשלאָפֿן אין בית-מדרש. ער איז געגאַנגען אַהיים שלאָפֿן בלויז שבת און יום-טובֿ.

– וואָס איז געוואָרן פֿון בני-בית? האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

– וואָס ווערט פֿון אַלע בני-ביתן אַז מ׳בלײַבט אָן אַ פֿאַרזאָרגער? פֿון קיין הונגער שטאַרבט מען נישט. די מיידן זענען אַוועק דינען. ס׳ווײַב, ביילע-יענטע, איז געווען אַ שטיקל נייטאָרין. ווי זאָגט מען דאָס? אַ שיקסע בײַ אַ רבֿ קאָן אויך פּסקנען אַ שאלה. זי האָט אָנגענומען אַ ביסל לײַכטע אַרבעט, צו לאַטען, ניצעווען, און געצל, דאָס לערנייִנגל, האָט איר צוגעהאָלפֿן. יהונתן האָט געטאָן איין זאַך: געלערנט תּורה. אַזאַ התמדה האָט נאָך די וועלט נישט געזען. צוויי אָדער דרײַ מאָל אין דער וואָך איז ער אין גאַנצן נישט געשלאָפֿן: געוואַכט אַשמורות. מ׳האָט געהערט פֿון דער זאַך אין די שטעטלעך אַרום – גאָרשקאָוו, איזשביצע, בילגאָרײַ, יאַנעוו – און מ׳איז געקומען קוקן אויף דעם יהונתן ווי אויף אַ בייז-ווונדער. אין אָנהייב האָט ר׳ זעקעלע געמאַכט לצנות פֿון דער גאַנצער זאַך. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פֿלאַך פֿון דער האַנט און געטענהט: זאָל מיר דאָ האָר אָנוואַקסן, אויב אַ כאַמולע, אַ שנײַדערוק, קאָן ווערן אַ למדן. שפּעטער-צו, סוף יאָר, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם יהונתן פּלאי-פּלאים, אַז ער זאָגט גאַנצע בלעטער גמרא פֿון אויסנווייניק און אַז ער טרעפֿט-צו די קשיאות פֿון מהרש״א און מהר״ם, האָט ר׳ זעקעלע, דער סקנער זיך דערשראָקן און ער האָט זיך אויך גענומען צום לערנען, אָבער שוין צו שפּעט. אַחוץ דעם איז ער געווען אַרײַנגעטאָן אין מיסחרים ביז איבערן האַלדז און געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס פֿאַר אַ צולאָג. דאָס ווײַב זײַנס, פּעשע, אַ ייִדענע מיט אַן אוירינגל, מיט אַ מויל אויף שרויפֿן, האָט שטאַרק געוואָלט אַז יהונתן זאָל איר מאַכן אומזיסט אַ פֿוטער מיט צען ווײדלען, און זי האָט געטריבן דעם מאַן צו די ספֿרים, נאָר ס׳האָט שוין נישט געטויגט.

כ'וועל עס מאַכן בקיצור: שמיני-עצרת בײַ טאָג האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט בײַם רבֿ די שבֿעה-טובֿי-העיר און גלאַט לומדים און מ'האָט פֿאַרהערט ר' זעקעלע ווישניצער און יהונתן שנײַדער ווי צוויי חתנים. ר' זעקעלע האָט שוין געהאַט אַ סך פֿאַרגעסן. ער האָט לאַנגע יאָרן נישט געלערנט אין דער וואָכן, בלויז שבת, און ס'איז דאָ אַ ווערטל: אַז מ'לערנט שבת, קאָן מען מכּות. יהונתן שנײַדער האָט ממש געהאַט ש"ס אויפֿן קאָפּ. טבֿלע האָט שפּעטער געזאָגט אַז פֿון לערנען מיט יהונתן איז ער אַליין געוואָרן אַ טאָפּעלער למדן. יהונתן האָט ניט בלויז אַרויסגעוויזן בקיאות, נאָר חריפֿות אויך. די בית-דין-שטוב איז געוואָרן פֿול אָנגעפּאַקט. מ'איז געשטאַנען אין דרויסן צו הערן ווי יהונתן אַמפּערט זיך וועגן אַ האַרבן רמב"ם אָדער אַ מהר"ם שיף. ר' זעקעלע האָט אין אָנהייב געפּרוּווט כאַפּן יהונתנען בײַ גרײַזן, אָבער באַלד האָט זיך איבערגעקערט דאָס רעדל און יהונתן האָט ר' זעקעלען גענומען אויפֿן צימבל. ניין, יהונתן שנײַדער האָט נישט געשווירן פֿאַלש. דער רבֿ און די פּרנסים האָבן אַלע בקול-אחד אַרויסגעגעבן אַ פּסק אַז ר' יהונתן איז מער למדן פֿון ר' זעקעלען. מ'האָט אים שוין גערופֿן ר' יהונתן. בײלע-יענטע און די טעכטער זענען געזעסן אין קיך צווישן די ווײַבער און אַז זיי האָבן דערהערט דעם פּסק, האָבן זיי גענומען וויינען און פֿאַלן איינע אויף דער אַנדערער מיט אַ געיאָמער. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. דאָס שולגעסל איז געוואָרן פֿול מיט שנײַדערס, שוסטערס, חזיר-האָר-קעמערס, בעל-עגלות, עמך. ס'איז געווען זייער נצחון.

צו מאָרגנס האָט מען אויפֿגערופֿן יהונתן שנײַדער צו דער ערשטער הקפֿה. די שענסטע ייִדן האָבן אים פֿאַרבעטן אויף קידוש. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן דערוועגן אַז יהונתן שנײַדער קאָן ווערן אַ רבֿ, אַ מורה-הוראה, אָדער אַ גמרא-מלמד, נאָר יהונתן שנײַדער האָט צו וויסן געטאָן אַז ער קערט זיך אום צו שער-און-אײַזן. ר' זעקעלע האָט זיך שפּעטער געפּרוּווט אַרויסדרייען פֿון דער גאַנצער זאַך באַשר ער האָט נישט געשווירן, נאָר בלויז צוגעזאָגט און אַ צוזאָג דאַרף מען נישט האַלטן, אָבער דער רבֿ האָט געפּסקנט אַז ער מוז אויפֿשטעלן יהונתן שנײַדער אַ הויז: מוצא שׂפֿתיך תשמור. ר' זעקעלע האָט אָפּגעשלעפּט אַזוי לאַנג ווי ר'האָט געקאָנט מיט אַלערליי דריידלעך און אויסריידן, אָבער נאָך שבֿועות האָט ס'הויז געהאַט אַ דאַך. ערשט דאַמאָלסט האָט יהונתן שנײַדער געלאָזט וויסן אַז ער וויל דאָס הויז נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר אַ האַרבעריק פֿאַר ישיבֿה-בחורים און אָרעמע-לײַט פֿון

פֿרעמדע שטעט. ער האָט געחתמעט אַ כּתבֿ אַז ער גיט אַוועק דאָס הויז קהל.

– געבליבן אַ שנײַדער, האַ? – האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

– ביזן סוף.

– די טעכטער האָט ער חתונה געמאַכט?

– וואָס דען? נישט? ס'איז נישטאָ קיין ייִדישער קלויסטער.

## ג

די גאַנצע צײַט וואָס לוי-יצחק האָט גערעדט, האָט מאיר טומטום געמאַכט אַלערלײ העוויות. אַ ווײַלע זענען די גײלע אויגן זײַנע געוואָרן פֿול מיט געלעכטער. באַלד האָט ער זײ צוגעשלאָסן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געדרימלט. ער האָט זיך אויפֿגעריכט, זיך אָנגענומען בײַם נאַקעטן קין און געפֿרעגט:

– פֿון וואַנען האָט דער דאָרפֿסגײער געוווּסט דעם וועג קיין ארץ-ישׂראל? אַוודאי געפֿרעגט. מסתּמא געגאַנגען דורך די טערקישע מדינות. מצרים אָדער סטאַמבול. ווו האָט ער גענומען צו עסן? אַוודאי געבעטלט. ס'זענען דאָ ייִדן אומעטום. גענעכטיקט האָט ער מסתּמא אין הקדש. אין די וואַרעמע מדינות קאָן מען שלאָפֿן אין גאַס אויך. ווידער דער יהונתן שנײַדער האָט אַוודאי באַגערט צו לערנען פֿון קינדווײַז אויף, און דער כּוח פֿון רצון איז שטאַרק. ס'איז דאָ אַ ווערטל: וויל נאָר, גאון. אַז מ'גײט ליידיק, איז אַ יאָר גאָרנישט, אָבער אַז מ'לערנט מיט חשק טאָג-און-נאַכט, זאַפּט מען זיך אָן ווי אַ שוואָם. ר'האָט גוט געטאָן וואָס ר'האָט נישט גענומען בײַ דעם זעקעלען דאָס הויז, ווײַל מ'טאָר נישט מאַכן די תּורה פֿאַר קיין קרדום לחפּור בה. אַזוי האָט ער נאָך פֿאַר אַ צולאָג צוגעקראָגן די מיצווה פֿון הכנסת-אורחים. דער לײב בעלקעס און דער יהונתן זענען ביידע געווען פּשוטע לײַט, הגם נישט אין גאַנצן

פּשוט. אָבער ס'טרעפֿט בײַ די גרויסע אויך, אַז זיי נעמען זיך עפּעס אַרײַן אין קאָפּ אַן עקשנות, אָדער מ'קאָן עס אַפֿילו רופֿן אַ משוגעת. ס'איז דאָ אַ זאָג: יעדער גאון האָט זײַן שגעון.

אין בעכטעוו איז געווען אַ רבי אַ מקובל, ר' מענדעלע בעכטעווער. אַזוי האָט מען אים גערופֿן. דער ר' מענדעלע האָט געשטאַמט פֿון בעל-שם. פֿון דער טאָכטערס צד, די האָדל וואָס פֿלעגט טאַנצן מיט די חסידים אין אַ ראָד. מ'האָט זי, חלילה, נישט געהאַלטן בײַ דער בלויזער האַנט. זי האָט געהאַט אין בײדע הענט צוויי פֿאַטשיילעס און די מאַנסלײַט האָבן אָנגענומען די פֿאַטשיילעס ווי צו אַ מיצווה-טענצל. ר' מענדעלע בעכטעווער האָט געקאָנט האָבן אַן עולם, אָבער ר'האָט געזאָגט אַז ר'האָט אויסגעבעטן בײַ דער מזוזה אַ קליינעם עולם. אַפֿילו אויף די ימים-טובֿים זענען נישט געקומען צו אים מער ווי עטלעכע מנינים חסידים. ער האָט געהאַט אַ רביצין וואָס איז ניפֿטר געוואָרן יונג און אים נישט איבערגעלאָזט קיין ממלא-מקומו. מ'האָט אים גערעדט שידוכים, נאָר ר'האָט מער נישט געוואָלט חתונה האָבן. די מקורבֿים האָבן געטענהט: סטײַטש, פּריה-ורבֿיה! נאָר ר' מענדעלע האָט געענטפֿערט: כ'על קריגן אין גיהנום אַזוי פֿיל שמיץ, װעלן זײַן נאָך עטלעכע שמיץ. וואָס איז די מורא פֿאַרן גיהנום? ווי באַלד כּבֿיכול האָט עס באַשאַפֿן, איז עס אַ פֿאַרשטעלט גן-עדן. ער איז געווען – ער זאָל עס מיר מוחל זײַן – אַ קרומער האָקן, אָבער אַ גרויסער מענטש. די מתנגדים האָבן אים גערופֿן: דער משוגענער מענדעלע. אַנדערע חסידים האָבן אים אויך באַרעדט, נאָר ער האָט געוויזן דער וועלט אַ פֿײַג. ער האָט אַפֿילו טייל מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שאַרף וואָרט קעגן רבונו-של-עולם. איין מאָל, אַז ער האָט געזאָגט תּהילים און ס'איז געקומען צום פּסוק: יושב בשמים ישחק, האָט ר' מענדעלע אַ געשריי געטאָן: דו לאַכסט, אָבער מיך דריקט. די מתנגדים האָבן געהערט פֿון דער מעשׂה און ס'האָט געפֿעלט אַ האָר מ'זאָל אים לייגן אין חרם אַרײַן.

די תּלמידי-בעל-שם האַלטן נישט פֿון פֿאַסטן. חסידות איז שׂימחה, נישט עצבֿות, נאָר ר' מענדעלע האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין תּעניתים. פֿריער האָט ער געפֿאַסט בלויז מאָנטיק און דאָנערשטיק. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פֿאַסטן משבת לשבת. ער איז געגאַנגען אין קאַלטע מיקוואות אויך. דער גוף האָט ער גערופֿן: דער שׂונא, און אַ שׂונא, האָט ר' מענדעלע געטענהט,

טאָר מען נישט נאָכגעבן. אַוודאי טאָר מען קיין שׂונא נישט דערהרגענען, אָבער אים קעכלען מיט מאַרצעפּאַנעס דאַרף מען נישט. די אַלטע חסידים זענען ביסלעכווײַז אויסגעשטאָרבן. די יונגע-לײַט זענען אַוועק קיין גור, קיין קאָצק, כ׳וויס ווו. דער רבי איז געבליבן בײַ אַ צוויי-דרײַ מנינים-עקשנים, און מיט עטלעכע יושבֿים, אַלטע-לײַט, וואָס האָבן געגעסן פֿון קעסל. אַן אַלטער שמשׂ, טויב ווי די וואַנט, האָט געקאָכט פֿאַר זיי יעדן טאָג גריץ. אַן אַלטע ייִדענע, אַ גבאיטע, האָט פֿאַר זיי צונויפֿגענומען אין די געוועלבן קאַרטאָפֿל, גרויפּן, קאַשע, וואָס עמעץ האָט געגעבן.

איין מאָל אין אַ ראש-השנה האָט דער רבי געהאַט אין בית-מדרש נישט מער ווי צוויי מנינים. דער יום-כּיפּור דערנאָך איז קוים געבליבן אַ מנין, שוין אַרײַנגערעכנט דער רבי מיטן שמשׂ און די יושבֿים. ר׳ מענדעלע האָט געדאַוונט פֿאַרן עמוד אַלע תּפֿילות: כּל-נדרי, שחרית, מוסף, מינחה, נעילה. ער איז געווען פֿון די שפּעטע און ביז מ׳האָט אָפּגעדאַוונט מעריבֿ און מחדש געווען די לבֿנה, איז שוין געווען חצות. דער שמשׂ, ר׳ תּנחום, האָט געגעבן דעם עולם נאָכן תּענית טרוקענע חלה – קראַצבאַרשט – מיט הערינג און די גבאיטע האָט געהאַט פֿאַר זיי צוגעגרייט אַ ביסל יויך. קיין צײַן האָבן זיי שוין קיינס נישט געהאַט און פֿון ווייניק עסן האָבן בײַ זיי אײַנגעדאַרט די גדערים. ר׳ מענדל איז געווען עלטער פֿון זיי אַלע, אָבער דאָס קול איז בײַ אים געבליבן יונג. די שמיעה האָט אים אויך געדינט. ער איז געזעסן בײַם טיש און געטענהט: די וואָס יאָגן זיך נאָך עולם-הזה, וייסן דען וואָס עולם-הזה איז? אָסור. וואָס איז בײַ זיי עולם-הזה? פֿרעסן, זויפֿן, ניאוף, געלט. דאָס איז יסורים, נישט עולם-הזה. נישטאָ קיין גרעסערער עולם-הזה ווי יום-כּיפּור. דער גוף איז ריין און די נשמה איז ריין. די תּפֿילות זענען מלא-טעם. ס׳איז דאָ אַ ווערטל: פֿון על-חטא ווערט מען נישט פֿעט. נאָר ס׳איז שקר-וכּזבֿ. מיר קומט צו פֿון על-חטא אַ שטיק געזונט. ווען איך וואָלט געהאַט די דעה אין הימל, וואָלט איך געמאַכט אַז יעדן טאָג זאָל זײַן יום-כּיפּור.

אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל-אויף און אַ געשריי געטאָן: אין הימל האָב איך נישט קיין דעה, נאָר בײַ מיר אין בית-מדרש האָב איך יאָ. פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט בײַ מיר זײַן יעדער טאָג יום-כּיפּור – יעדער טאָג, אַחוץ שבת און יום-טובֿ.

אַז מ'האָט דערהערט אין שטאָט וואָס דער רבי וויל אָפּטאָן איז געוואָרן אַ מהומה. ס'זענען געקומען צום רבין דער שטאָט-רבֿ, די פּרנסים. סטייַטש, ס'איז דאָך קעגן דין, האָבן זיי געטענהט, און ר' מענדעלע ענטפֿערט: וואָס גייט מיך אָן דער דין? כ'טו עס פֿאַר עולם-הזה, נישט פֿאַר עולם-הבא. אויב ס'קומט מיר אַ שטראָף, זאָל מען מיך שטראָפֿן. כ'וויל אויך הנאה האָבן פֿון דער וועלט איידער כ'גיי אַ גאַנג. כ'בין אַ בעל-תּאווה ווי אַלע אַנדערע בעל-תּאוות. דער רבי טוט אַ געשריי: תּנחום, צינד אָן די ליכט. מיר גייען צו כּל-נדרי. ער לויפֿט צו צום עמוד און נעמט זינגען כּל-נדרי. כ'בין נישט געווען דערבייַ, נאָר דער וואָס האָט עס מיר דערציילט, האָט געשווירן אַז אַזאַ כּל-נדרי האָט מען נאָך נישט געהערט פֿון זינט די וועלט שטייט. גאַנץ בעכטעוו איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן. אַלע האָבן געהאַלטן אַז ר' מענדעלע איז פֿון זינען אַראָפּ, אָבער ווער וועט זיך דערוועגן אַוועקצורייַסן ר' מענדעלען פֿון עמוד? ער שטייט אין טלית און אין קיטל, אין די וויַיסע זאָקן, און זינגט כּל-נדרי, ונסלח, די יעלות. דאָס קול איז שטאַרק ווי בייַ אַ לייב און דאָס מתיקות פֿון געזאַנג איז אַזאַ, אַז מ'פֿאַרגעסט אין אַלע חשבונות. איכ'ל אייַך לאַנג נישט ברייַען: דער רבי האָט נאָך געלעבט דריטהאַלבן יאָר און די דריטהאַלבן יאָר זענען געווען איין יום-כּיפּור.

לוי-יצחק האָט אַראָפּגענומען די בלויע ברילן:

– וואָס האָט ער געטאָן מיט תּפֿילין? – האָט ער געפֿרעגט. – נישט געלייגט קיין תּפֿילין?

– תּפֿילין האָט ער יאָ געלייגט – האָט מאיר טומטום געענטפֿערט – אָבער דאָס דאַווענען מיט אַלע יוצרות איז געווען פֿון יום-כּיפּור. ער האָט אַפֿילו געלייענט יעדן טאָג צו מינחה מפֿטיר דיונה.

– נישט אָנגעביסן נאָך נעילה? – האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

– געפֿאַסט זעקס טעג אין דער וואָך, סייַדן ס'איז אויסגעפֿאַלן אַ יום-טובֿ.

– און די יושבֿים האָבן מיטגעפֿאַסט?

– זיי זענען אַלע פֿון אים אַוועק. געשטאָרבן אויך.

– געדאַוונט פֿאַר די הוילע ווענט?

– ס'איז אַלע מאָל געווען אַן עולם. מ'איז געקומען קוקן פֿון אַלע עקל פוילן.

– און די וועלט האָט דאָס צוגעלאָזט? – האָט לוי-יצחק געפֿרעגט.

– ווער האָט דאָס יאַנדעס צו פֿירן מלחמה מיט אַ קדוש? מ'האָט געציטערט פֿאַר זײַן הקפּדה. מ'האָט געזען באַשײַמפּערלעך אַז ס'איז ניחא אין הימל. אַ מענטש אַז ער פֿאַסט אַזוי לאַנג, ווערט ס'קול בײַ אים אָפּגעשוואַכט. די ראיה ווערט קאַליע, ער האָט נישט קאַ' כּוח צו שטיין אויף די פֿיס. אָבער דער רבי איז געשטאַנען בײַ אַלע תּפֿילות. די וואָס האָבן אים געזען, האָבן דערציילט אַז ס'פּנים האָט בײַ אים געלויכטן ווי די זון. געשלאָפֿן איז ער נישט מער ווי דרײַ אָדער פֿיר שעה, אין טלית און אין קיטל. ער'ט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אין משניות יומא און געדרימלט ממש ווי יום-כּיפּור. אַזוי זומער, אַזוי ווינטער. בײַ מוסף איז ער געפֿאַלן כּורעים און געזאָגט די עבֿודה.

– וואָס האָט ער געטאָן ווען ס'איז געווען יום-כּיפּור אויף אַן אמת? – האָט זלמן געפֿרעגט.

– ס'אײגענע וואָס יעדן טאָג.

– כ'האָב קיין מאָל פֿון דער מעשׂה נישט געהערט – האָט לוי-יצחק געזאָגט.

-דער ר' מענדעלע איז געווען אַ ניסתּר און פֿון אַ ניסתּר הערט מען נישט. דאָס בעכטעוו איז הײַנט אויך אַ העק. דאַמאָלסט איז בעכטעוו געווען אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. אַ זומפּ צווישן וועלדער. אַפֿילו זומער איז שווער געווען צו קומען אַהין. ווינטער זענען אַלע וועגן געווען טיף פֿאַרזונקען אין שניי. אַפֿילו אַ שליטן איז אין זיי אײַנגעזונקען. ס'האָבן נישט געפֿעלט קיין בערן און קיין וועלף.

ס'איז געוואָרן שטיל. לויִ-יצחק האָט אַרויסגענומען די טאַבאַק-פּושקע:

– היינט וואָלט מען אַזאַ זאַך נישט צוגעלאָזט.

– היינט לאָזט מען צו ערגערע עבֿירות.

– ווי אַזוי איז ער ניפֿטר געוואָרן?

– ביים עמוד. ר'איז געשטאַנען און געזאָגט דעם פּיוט: אדם במה יזכה. אַז ס'איז געקומען צו די ווערטער: בתּפֿילה ובצדקה ירבה אולי מיסורין יחבא, איז ער געטאָן אַ פֿאַל אַנידער און ס'איז געווען יצאה נשמתו בטהרה. ר'איז נסתּלק געוואָרן ווי אַ צדיק: במיתת-נשיקה.

זלמן גלעזער האָט אַרײַנגעשאָטן מאַכאָרקע אין דער פּיפּקע:

– וואָס איז דער שׂכל, האַ?

מאיר טומטום האָט נאָכגעטראַכט:

– יעדע זאַך קאָן ווערן אַ תּאַווה, אַפֿילו דינען דעם אייבערשטן...

**Copyright © Israel Zamir**